**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/3/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט ערשטע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן אינעם סטעיט צו ערהאלטן פעדעראלע בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ פינאנצירונג**

***טייל פון 176 מיליאן דאלער סטעיט און פעדעראלע אינוועסטירונג אין וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן אינערהאלב 11 קאונטיס***

***די מעלדונג צייכנט אפ די לעצטע שריטן דורך גאווערנער האוקול צו פארבעסערן ניו יארק׳ס וואסער און סוער סיסטעמען, רעדוצירן וואסער פארפעסטונג, און אפהיטן נייטיגע טרונק-וואסער זאפאסן***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן 176 מיליאן דאלער אין פינאנציעלע הילף פאר וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקטן וואס פארמינערן פאטענציעלע ריזיקעס פאר פובליק געזונטהייט און די ענווייראָנמענט, אריינגערעכנט די ערשטע פראיעקטן אין ניו יארק סטעיט צו באקומען ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פינאנצירונג אוטער דעם בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ אינעם טאון פון ליבערטי און די שטאט פון ניובורג. די ׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ באָורד אָוו דירעקטאָרס האט באשטעטיגט נידעריגע-קאסט פינאנצירונג און פריערדיגע געמאלדענע גרענטס אויטאריזירנדיג מוניציפאלע צוטריט צו די געלטער געדארפט אנצוהייבן די ארבעט פאר קריטיש נייטיגע טרונק-וואסער און סוער פראיעקטן. די באָורד האט אויך באשטעטיגט עטליכע לאנג-טערמיניגע פינאנצירונג איבערבייטונגען וועלכע געבן ריבית פארלייכטערונג אויף פארענדיגטע פראיעקטן פאר מוניציפאליטעטן.

״ניו יארק שטעלט ווייטער צו פרעצעדענטלאזע פינאנציעלע שטיצע צו העלפן קאמיוניטיס צו פארבעסערן וואסער סיסטעמען און וואסער קוואליטעט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״אינאיינעם מיט אונזער סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע ריינע וואסער אינוועסטירונגען, וועט די ערשטע רונדע פון בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ פינאנצירונג מאדערניזירן וואסער אינפראסטרוקטור אינערהאלב ליבערטי און ניובורג און פארבעסערן וואסער קוואליטעט לענגאויס די דאזיגע קאמיוניטיס.״

פון דער פינאנצירונג היינט געמאלדן, וועלן די טאון פון ליבערטי אין סוליוואן קאונטי און די שטאט פון ניובורג אין אראנדזש קאונטי ערהאלטן דאס ערשטע פינאנצירונג פונעם בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ פאר ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אינערהאלב ניו יארק סטעיט. באשטעטיגטע בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ פינאנצירונג פאר דער טאון פון ליבערטי רעכנט אריין א 6.9 מיליאן דאלערדיגע גרענט און 6.9 מיליאן דאלער קורץ-טערמיניגע ריבית-לאזע פינאנצירונג אלס טייל פון אן 18 מיליאן דאלערדיגע פינאנציעלע הילף פעקל וואס רעכנט אריין א 4.5 מיליאן דאלערדיגע וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג גרענט. די פינאנצירונג וועט אויך געניצט ווערן צו פארברייטערן און פארבעסערן דאס סוואן לעיק אפפאל-וואסער באהאנדלונגס פאבריק.

די באָורד האט אויך באשטעטיגט בייפארטיזען אינפראסטרוקטור גרעצע פינאנצירונג פאר דער שטאט פון ניובורג אריינגערעכנט א 3.5 מיליאן דאלערדיגע גרענט און 2.5 מיליאן דאלער קורץ-טערמיניגע ריבית-לאזע פינאנצירונג אלס טייל פון אן 17 מיליאן דאלערדיגע פינאנציעלע הילף פעקל וואס רעכנט אריין גרענטס פונעם וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראגראם און דעם ריינע וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד. די פינאנצירונג וועט אויך העלפן די שטאט אוטערצונעמען א 31 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט וואס וועט פארמערן דאס פעאיגקייט פון דער שטאט׳ס אפפאל-וואסער באהאנדלונגס פאבריק צו באהאנדלען דאס פלוס פון וואסער דורכאויס שטורמישע וועטער און באשיצן וואסער קוואליטעט אינעם הודסאן ריווער.

**ניו יארק סטעיט ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ פרעזידענטקע און CEO מאורין עי. קאולמאן האט געזאגט,** ״די היינטיגע מעלדונג שטריכט אונטער גאווערנער האוקול׳ס אונטערנעמונג אויסצוטיילן די אינוועסטירונג פונעם בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ מיט ווירקזאמקייט און יושר. איך מוטיג אלע קאמיוניטיס צו ארבעטן מיט דער ׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ אויסצוגעפונען וויאזוי זיי קענען געניסן פון דער היסטארישער שטאפל פון פינאנציעלע לייזונגס-מיטלען פאר ריינע וואסער אינפראסטרוקטור.״

**ניו יארק סטעיט ׳דעפּאַרטמענט אָוו ענווייראָנמענטעל קאָנסערוועישען׳ קאמיסיאנער און ׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ באורד פארזיצער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״וואסער אינפראסטרוקטור איז הערכסט-נייטיג פאר אונזער עקאנאמיע, ענווייראָנמענט, און אונזערע קאמיוניטיס. גאווערנער האוקול׳ס אנגייענדע פארפליכטונג צו אינוועסטירן אין אינפראסטרוקטור אפגרעידס און פארבעסערונגען בויט שטערקערע און געזונטערע קאמיוניטיס און טוט שאפן דזשאבס לענגאויס דעם סטעיט. די באדייטנדע פינאנצירונג וואס איז היינט געמאלדן געווארן וועט העלפן פארזיכערן אז מוניציפאליטעטן האבן די לייזונגס-מיטלען וואס זיי דארפן צו ערזעצן און אפדעיט׳ען עלטערנדע וואסער סיסטעמען און אפהיטן וואסער קוואליטעט.״

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמיסיאנערין דר. מערי טי. בעסעט האט געזאגט,** ״דאס האבן צוטריט צו ריינע, זיכערע טרונק-וואסער איז א הערכסט-נייטיגע חלק פון געזונטע קאמיוניטיס. מיט די דאזיגע אינוועסטירונג אין וואסער אינפראסטרוקטור, טוט גאווערנער האוקול נאכאמאל ווייזן איר שטארקע פארפליכטונג צו אפהיטן און פארבעסערן אונזערע טרונק-וואסער ליפערונג סיסטעמען, און צו ארויסהייבן א געזונטע און ריינע ענווייראָנמענט פאר אלע ניו יארקער.״

**ניו יארק סעקרעטערי אוו סטעיט ראבערט דזשעי. ראדריגעז האט געזאגט,** ״די דאזיגע ערשטע פינאנצירונג פונעם בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ פינאנצירונג וועט ערלויבן מוניציפאליטעטן מיט עלטערנדע וואסער אינפראסטרוקטור, אנצוהייבן די פראצעדור פון פארבעסערן אפפאל-וואסער באהאנדלונגס פאבריקן, אפצוהיטן אונזערע טרונק-וואסער און פארשטערקערן שטאנדהאפטיגקייט קעגן שווערע וועטער.״

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** ״געצילטע איינפלוסרייכע און דזשאב-שאפנדע אינוועסטירונגען פונעם בייפארטיזען אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאבס געזעץ טוען יעצט פליסן צו פארבעסערן פארעלטערטע וואסער-סוער סיסטעמען אין יעדן ווינקל פונעם עמפייער סטעיט. פון דער שטאט פון ניובורג ביז טשאטאקווא קאונטי, וועט די דאזיגע 176 מיליאן דאלער מאכן קריטישע פארבעסערונגען צו אונזער עלטערנדע וואסער אינפראסטרוקטור, פארזיכערן אז אונזערע פאמיליעס האבן זיכערע טרונק-וואסער פריי פון בליי, PFAS, און אנדערע גיפטיגע פארפעסטונגען, און האלטן אונזערע טייכן פריי פון סוער איבערפלוסן. עס מיינט אויך דזשאבס, דזשאבס, דזשאבס, אונטערהייבן אונזערע קאמיוניטיס מיט שוין פון לאנג נייטיגע פראיעקטן צו מאכן ניו יארק׳ס וואסערן

געזונטער און ריינער. איך בין שטאלץ צוצושטעלן די דאזיגע היסטארישע פעדעראלע אינוועסטירונג צו טוישן דאס ווינט אויף ניו יארק׳ס עלטערנדע וואסער אינפראסטרוקטור.״

**קאנגרעסמאן שאן פעטריק מעלאני האט געזאגט,** ״איך האב געהאלפן שרייבן דאס בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ צו פארזיכערן אז יעדע מאן, פאוי, און קינד דא אינעם הודסאן וואלי האט צוטריט צו זיכערע טרונק-וואסער. עס פריידט מיך זייער אז צענדליגע מיליאנע דאלארן פונעם אינפראסטרוקטור געזעץ׳ס געלטער ווערן געניצט דא אינערהאלב אומזערע קאמיוניטיס צו ליפערן ריינע וואסער אינפראסטרוקטור, אריינגערעכנט 17 מיליאן דאלער פאר ניובורג און באלד 5 מיליאן דאלער פאר פאקיפסי. דאס איז א מורא׳דיגע זאך און עס ברענגט אונז איין טריט נענטער צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן דאס ריינע וואסער וואס עס קומט זיך זיי.״

**קאנגרעסמאן פעט רייען האט געזאגט,** ״איך בין שטאלץ צו מעלדן דעם דאזיגן העכסט-נייטיגע פינאנצירונג וואס וועט העלפן קאמיוניטיס לענגאויס דעם הודסאן וואלי צו באקומען צוטריט צו ריינע טרונק-וואסער. דאס רעכנט אריין צענדליגע מיליאנע דאלארן אין אינוועסטירונגען וואס גייען צו ליבערטי, ניובורג און פאקיפסי. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט שותפים אין סטעיט, לאקאלע און פעדעראלע רעגירונג בשעת מיר זעצן פאר צוצושטעלן פאר ניו יארקער.״

די באורד׳ס באשטעטיגונגען רעכענען אריין פינאנצירונגען דורך דעם ׳ריינע וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד׳ און ׳טרונק-וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד׳ און גרענטס שוין פריער אויסגעמאלדן אין אײנקלאנג מיט דער ׳וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג געזעץ׳.

ניו יארק האט באקומען באלד 207 מיליאן דאלער אין ריינע וואסער פינאנצירונג צוגעטיילט פונעם בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ צום ריינע וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד פאר ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען, ווי לעצטנס [געמאלדן](#) דורך דער יו-עס ענווייראנמענטאלע באשיצונג אגענטור און גאווערנער האוקול. דאס איז די ערשטע אפצאלונג פון באלד 427 מיליאן דאלער אין בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ פינאנצירונג גייענדיג צו ניו יארק לטובת ריינע און טרונק-וואסער אינפראסטרוקטור דעם דאזיגן יאר. דאס בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ וועט באררייכערן דעם ׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ס סטעיט ריוואלווינג פאנד פינאנצירונג פראגראמען מיט נאך פינאנצירונג יערליך פאר פינף יאר. אין צוגאב, איז 482 מיליאן דאלער ערווארטעט אום 2023 פאר ריינע און טרונק-וואסער אינפראסטרוקטור. די דאזיגע גרענטס זענען אין צוגאב צו באלד 125 מיליאן דאלער אין רעגלמעסיגע פעדעראלע פינאנצירונג צו ניו יארק׳ס ׳ריינע וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד׳ פראגראם אום פעדעראלע פינאנץ-יאר 2023. די ׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ שאצט אז די ׳טרונק-וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד׳ קען צושטעלן בערך 1.2 ביליאן דאלער אין ריבית-לאזע אדער מינימאלע-ריבית ראטע פינאנצירונג און גרענטס פאר טרונק-וואסער פראיעקט קאסטן דורכאויס פינאנץ-יאר 2023.

א צוגעגעבענע 220 מיליאן דאלער איז ערווארטעט צו ווערן צוגעטיילט פאר ניו יארק פונעם בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ צום ׳טרונק-וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד׳ פאר טרונק-וואסער פראיעקטן שפעטער דעם הערבסט, בנוסף צו 45 מיליאן דאלער אין רעגלמעסיגע פעדעראלע פינאנצירונג פאר טרונק-וואסער אינפראסטרוקטור דעם יאר. די העלט דעפארטמענט שאצט אז די ׳טרונק-וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד׳ קען צושטעלן בערך 438 מיליאן דאלער אין ריבית-לאזע אדער מינימאלע-ריבית ראטע פינאנצירונג און גרענטס פאר טרונק-וואסער פראיעקט קאסטן דורכאויס פינאנץ-יאר 2023. באזוכט די ׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ס [וועבזייטל](#) אויף זיך צו לערנען מער איבער וואסער אינפראסטרוקטור פינאנצירונג געלעגנהייטן.

**ריינע וואסער פראיעקט פינאנצירונג באשטעטיגט**

- **שטאט ניובורג אין אראנדזש קאונטי** - 2,568,662 דאלער אין קורץ-טערמיניגע ריבית-לאזע פינאנצירונג און 3,559,825 דאלערדיגער גרענט פון ׳בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ גענעראל סופלעמענטאל׳ געלטער, 5,577,500 דאלערדיגער WIIA גרענט, און 5,577,500 דאלערדיגער ׳ריינע וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד׳ גרענט אויף צו פארבעסערן די אינאייגעמדיגע סוער פארזאמלונג סיסטעם און מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק.
- **טאון אָוו ליבערטי אין סוליוועןן קאונטי** - 6,916,000 דאלער אין קורץ-טערמיניגע אינטערעסטלאזע פינאנצירונג און 6,916,000 דאלערדיגער גרענט פון ׳בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ גענעראל סופלעמענטאל׳ געלטער, און 4,500,000 דאלערדיגער WIIA גרענט צו פארברייטערן און אפגרעיד׳ען דעם סוואן לעיק מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק.
- **טאון אָוו הערמאן אין סט. לאורענס קאונטי** - 2,000,000 דאלער אין קורץ-טערמיניגע ריבית-לאזע פינאנצירונג פאר מיסט-וואסער פארזאמלונג און באהאנדלונגס סיסטעם פארבעסערונגען.
- **ווילעדזש אָוו אדאמס אין דזשעפערסאן קאונטי** - 3,094,942 דאלער אין לאנג-טערמיניגע ריבית-לאזע פינאנצירונג און 252,779 דאלערדיגער WIIA גרענט צו אפגרעיד׳ען די וואסער פארפעסטונג קאנטראל איינריכטונג און פארזאמלונג סיסטעם.
- **טאון אָוו אוסעיבעל אין קלינטאן קאונטי** - 5,348,808 דאלער אין לאנג-טערמיניגע ריבית-לאזע פינאנצירונג און 669,949 דאלערדיגער WIIA גרענט צו רעהאביליטירן דעם פארזאמלונג סיסטעם און מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק.
- **טאון אָוו טשאטאקווא אין טשאטאקווא קאונטי** - 1,822,856 דאלער אין לאנג-טערמיניגע ריבית-לאזע פינאנצירונג צו דעקאמיסיאנירן דעם טשאטאקווא הייטס סוער דיסטריקט באהאנדלונגס פאבריק, און בויען א פאמפ סטאנציע און קראפט מעין.
- **ניו יארק סיטי מוניציפאלע וואסער פינאנץ אויטאריטעט** - 97,436,193 דאלער אין לאנג-טערמיניגע ריבית-טראגנדע פינאנצירונג צו פלאנירן, אויסשטעלן און בויען פלייצונג באשיצונג און שטאנדהאפטיגקייט מאסנאמען ביי פארשידענע מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק און פאמפ סטאנציעס דורכאויס ניו יארק סיטי אלס טייל פון דעם שטורעם לינדערונג הלוואה פראגראם.
- **סופאלק קאונטי** - 6,793,302 דאלער אין לאנג-טערמיניגע ריבית-לאזע פינאנצירונג פאר דעם איבערגאס פאמפ סטאנציע רעהאביליטירונג פראיעקט ביי דעם בערגען פוינט מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק אלס טייל פון דעם שטורעם לינדערונג הלוואה פראגראם.

**טרונק-וואסער פראיעקט פינאנצירונג באוויליגט**

- **סאוט הונטינגטאן וואסער דיסטריקט אין סופאלק קאונטי** - 715,500 דאלער אויפקומענדע פארפעסטונגען גרענט און 750,000 דאלערדיגער WIIA גרענט צו בויען א נייע פארגעשריטענע אקסידאציע פראצעס באהאנדלונגס סיסטעם אוועקצופירן 1,4-דייאקסעין און אנדערע וואקלדיגע ארגאנישע כעמישע פארבינדונגען ביי פאבריק נומער 10.
- **שטאט און טאון פאוקיפסי אין דוטשעס קאונטי** - א פינאנצירונג פעקל פאר א געמיינזאמע פראיעקט צו פארבעסערן אפעראציע פון א מיטגעטיילטע וואסער באהאנדלונג איינריכטונג, אריינגערעכנט אפגרעידס צום עקזיסטירנדן אולטרעווייאלעט דיסאינפעקציע סיסטעם, ערזעצונג פון דעם אומשטערבארע עלעקטרישע קראפט סופליי סיסטעם און פארבעסערונגען צו דעם HVAC סיסטעם אין דעם פייפ גאלעריע.

- שטאט פאוקיפסי - 1,081,157 דאלער אין קורץ-טערמיניגע מארקעט-ראטע פינאנצירונג און 1,621,568 דאלערדיגער WIIA גרענט וואס רעכנט אריין דער שטאט׳ס טייל פון 2,952,600 דאלער אויסטיילונג צום פאוקיפסי געמיינזאמען וואסער באורד.
- טאון פאוקיפסי - 902,918 דאלער אין קורץ-טערמיניגע מארקעט-ראטע פינאנצירונג און 1,331,032 דאלערדיגער WIIA גרענט וואס רעכנט אריין דער שטאט׳ס טייל פון 2,952,600 דאלערדיגער אויסטיילונג צום פאוקיפסי געמיינזאמען וואסער באורד.

- **ניו יארק סיטי מוניציפאלע וואסער פינאנץ אויטאריטעט** - 9,110,530 דאלער אין לאנג-טערמיניגע ריבית-לאזע פינאנצירונג צו סטאביליזירן דעם קענסיקא רעזערוואר ברעג-ליניעס ארום ׳שעפט 18׳ אלס טייל פון דעם שטורעם לינדערונג הלוואה פראגראם.
- **שטאט הארנעל אין סטובען קאונטי** - 3,792,500 דאלער אין לאנג-טערמיניגע ריבית-לאזע פינאנצירונג און 160,654 דאלערדיגער WIIA גרענט פאר וואסער סיסטעם אפגרעידס צום וואסער באהאנדלונגס פאבריק׳ס נומער 1 קלעריפייער און סטאָרעדזש טאנק, בויען א נייעם סטאָרעדזש טאנק, רעזערוואר פארבעסערונגען און אן אויפזעער קאנטראל און דאטא איינשאפונג סיסטעם.
- **שטאט מעכאניקוויל אין סאראטאגע קאונטי** - 2,925,000 דאלער אין לאנג-טערמיניגע ריבית-לאזע פינאנצירונג און 616,492 ׳טרונק-וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד׳ גרענט צו באהעפטן די שטאט צום סאראטאגע קאונטי וואסער אויטאריטעט סיסטעם.

**ניו יארק׳ס אנטשלאסנקייט צו וואסער קוואליטעט**

ניו יארק האלט אן ווייטער העכערן אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור. אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האוקול, גיבט דער 2022-23 דורכגעפירטער בודזשעט ערלויבעניש פאר נאך 1.2 ביליאן דאלער, פאר א סה״כ 4.2 ביליאן דאלער, פאר דעם היסטארישן ׳ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטאלע באָנד׳ געזעץ. די היסטארישע איניציאטיוו, צו ווערן אויפגענומען דורך וויילער אין דעם אנגייענדן גענעראלע וואלן, רעכנט אריין פינאנצירונג צו אפדעיט׳ען פארעלטערטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט; רעדוצירן לופט פארפעסטונג און נידערן קלימאט-ענדערנדע עמיסיעס; אויפריכטן באשעפעניש וואוין-ערטער; פארשטערקערן קאמיוניטיס ווידערשטאנד-פעאיגקייט קעגן שווערע שטורעמעס און פלייצונגען; אפהיטן אפן-לופטיגע ערטער און ארטיגע פאַרמס; און פארזיכערן גלייכקייט דורך אינוועסטירן לכל הפחות 35 פראצענט, מיט א ציל פון 40 פראצענט, פון הילפס-מיטלען אין קאמיוניטיס אין שוואכערע אומשטענדן.

אין צוגאב אנטהאלט אויך דער בודזשעט נאך 500 מיליאן דאלער אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פינאנצירונג, ברענגנדיג דעם סטעיט׳ס סך הכל ריינע וואסער אינוועסטירונג צו 4.5 ביליאן דאלער זינט 2017. עס אנטהאלט אויך א רעקארד 400 מיליאן דאלערדיגע ענווייראנמענטאלע באשיצונג פאָנד צו שטיצן קלימאט ענדערונג לינדערונג און צופאסונג באמיאונגען, פארבעסערן אגריקולטורעלע מיטלען צו שטיצן שטאנדהאפטיגע אגריקולטור, באשיצן אונזערע וואסער קוועלער, ווייטער פירן קאנסערוואציע באמיאונגען, און צושטעלן פארווײלונגס מעגליכקייטן פאר ניו יארקער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418